## אַ תּפֿילה / ל. שאַפּיראָ

מײַן גאָט, איך בעט נישט פֿיל פֿון דיר.
אַלע באַגערן זענען פֿאַרלאָשן.
די איינע זאַך וואָס לעבט אין מיר
איז — ייִדיש לשון.

איך בעט:

מײַן וואָרט זאָל זײַן ווי אַ בלאַנקער שווערד
וואָס בלינצלט פֿאַר מענשטנס אויגן.
מײַן וואָרט זאָל זײַן ווי אַ שלאַנקע פֿײַל
וואָס אײַלט פֿון זיך פֿון בויגן.
מײַן וואָרט זאָל זײַן ווי דער כליפּ פֿון קינד
אויף קליינע רויטע ליפּלעך.
מײַן וואָרט זאָל זײַן ווי דער לעצטער זיפֿץ
אויף די לעפֿצן פֿונעם גוסס.
מײַן וואָרט זאָל זײַן ווי אַ ווײַט געזאַנג
פֿונעם וואַנדערער אין דער זאַהאַראַ.
ווי אַ מענטש וואָס זינגט צו זיך אַליין
אין טומאה און אין טהרה.

לאָס אַנדזשעלעס, 1942
(פֿון *כתבֿים*)

## תְּפִלָּה / ל. שָׁפִּירוֹ

עברית: ישׂראלה בקר

אֵלִי, אֵינֶנִּי מְבַקֵּשׁ מִמְּךָ הַרְבֵּה.
כָּבוּ מִזְּמַן כָּל תְּשׁוּקוֹתַי.
נוֹתְרָה אַחַת שֶׁחַיָּה בִּי —
הַיִּידִישׁ עַל שְׂפָתַי.

אֲנִי מְבַקֵּשׁ:

שֶׁמִּלָּתִי תִּהְיֶה כְּמוֹ חֶרֶב מַבְרִיקָה —
נוֹצֶצֶת מוּל כָּל עַיִן בְּאוֹרָהּ.
שֶׁמִּלָּתִי תִּהְיֶה כְּמוֹ חֵץ אָרֹךְ וְדַק —
זוֹנֵק מִתּוֹךְ הַקֶּשֶׁת בִּסְעָרָה.
שֶׁמִּלָּתִי תִּהְיֶה כְּמוֹ בֶּכִי שֶׁל פָּעוֹט
פּוֹרֵץ מִבֵּין שְׂפָתָיו הָאֲדֻמּוֹת.
שֶׁמִּלָּתִי תִּהְיֶה כְּמוֹ קוֹל אַנְחַת הַקֵּץ
חוֹמֵק מִפִּי גּוֹסֵס, בְּטֶרֶם מוֹת.
שֶׁמִּלָּתִי תִּהְיֶה כְּמוֹ הֵד שֶׁל שִׁיר רָחוֹק
שֶׁל הַנּוֹדֵד עַל פְּנֵי מִדְבָּר נוֹרָא.
כְּמוֹ אִישׁ שֶׁמְּפַזֵּם וְשָׁר לוֹ לְעַצְמוֹ
גַּם בְּטֻמְאָה וְגַם בְּטָהֳרָה.

תל־אביב, אוקטובר 2025